וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת נצבים-וילך, כ"ג אלול תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון מ"ה

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות......6:56
מוצאי שבת......8:25

# א מעשה פון תפלה

## מרדכי אהרן - נתנאל היילפרין

אפאר וואכן צוריק האט מען געמאכט א נייע פאספארט פאר מיין ווייב און פאר מיין זוהן נתנאל, זיי האבן געזאגט אז עס גייט נעמען דריי חדשים עס זאל אנקומען, יעדן טאג האט די גאנצע משפחה געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל אנקומען נאך פאר ראש השנה אזוי אז מען זאל קענען פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, שכח אייבערשטער אז ביז דריי וואכן איז אנקומען נאר די פאספארט פון נתנאל און נישט פון מיין ווייב, ווייל נאר פאר נתנאל האבן מיר געבעטן עס זאל שוין אנקומען.

## סענדי ראטה

א) איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען באצאלן די טיקעט אויף אומאן, און אויך די בעט אין אומאן אן דארפן בארגן קיין געלט פון א צווייטן, שכח אייבערשטער אז איך האב עס געקענט באצאלן אן דארפן בארגן אפילו איין פרוטה פון איינעם.

ב) איך בעט שוין דעם אייבערשטן א לאנגע צייט איך זאל קענען גיין שלאפן צייטליך יעדע נאכט, שכח אייבערשטער אז די לעצטע וואך האב איך שוין געקענט גיין שלאפן צייטליך יעדע נאכט. אויך בעט איך דעם אייבערשטן איך זאל קענען אויפשטיין פרי יעדן טאג, און דער אייבערשטער גייט מיר העלפן גאר בקרוב.

## חזקי שארף

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען וואוינען אין שטעטל, א גאנץ זומער האב איך ברוך השם געקענט זיין דא, נאך זומער האט געהייסן אז איך דארף צוריקגיין אין שטאט כדי מיין ווייב זאל זיין די טיטשער אין בית פיגא סקול אין וויליאמסבורג, אבער איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל יא קענען בלייבן דא וואוינען, למעשה האט דער אייבערשטער געהאלפן אז די בית פיגא סקול אין שטעטל האט זייער שטארק געוואלט אז מיין ווייב זאל זיין דא די טיטשער אזוי האב איך געקענט בלייבן דא וואוינען, שכח אייבערשטער אז איך האב די זכיה צו קענען וואוינען דא אינעם הייליגן שטעטל.

# נייעס אין שטעטל

## שיינע נייע שענק אין בית המדרש

גאר הערליכע נייע שענק ווערט אויפגעשטעלט אין בית המדרש דורך האברך החשוב אייזיק אפפעל הי"ו פאר די גרויסע אוצר הספרים וואס איז צאמגעשטעלט געווארן דורך לייבי ראטה הי"ו.

מען האט עס אנגעהויבן צאמשטעלן שוין אנהייב זומער, און צוביסלעך ווערט עס אויפגעשטעלט מער און מער, מען האפט אז גאר בקרוב וועט עס ווערן געענדיגט גאר שיין צו די צופרידענהייט פון אלע מתפללים.

## חסד אין שטעטל

יעצט ווען עס איז דא אסאך שמחות אין שטעטל ווייזט זיך ארויס די חסד וואס הערשט אין שטעטל צווישן די משפחות, יעדן טאג ווערט צוגעשטעלט נארהאפטיגע נאכטמאל פאר אלע קימפעטארינ'ס אויף גאר א שיינע פארנעם, עס ווערט אנגעפירט דורך מרת מענדלאוויטש תחי' וואס זארגט יעדן טאג אז די נאכטמאל זאלן ווערן צוגעשטעלט און אנקומען צו די קימפעטארינ'ס.

דא איז די טאקע די פלאץ זיך צו באדאנקען פאר מרת מענדלאוויטש תחי' פארן זארגן און צושטעלן די עסן מיטן גאנצן הארץ יעדן טאג עקסטער, דער אייבערשטער זאל איר באצאלן מיט אלעס גוטס, און זיי זאלן זעהן אסאך אידיש נחת ביי אלע קינדער.

## א פרישער בית המדרש אין שטעטל

אזוי ווי עס איז צוגעקומען נאך תושבים אינעם שטעטל, און אזוי אויך וואוינט מען היפש צושפרייט איינער פון דעם צווייטן, האט דער ראש ישיבה געפאסט א באשלוס צו עפענען א פרישע בית המדרש פאר שבתים.

אנגעפאנגען האט זיך עס ווען במשך דעם זומער האבן זיך אויפגעהאלטן אסאך מענטשן אין שטעטל אין אלע ווינקלען פון דעם שטעטל, האט זיך זייער וויכטיג אויסגעפעלט נאך א מנין, דערפאר האט מען דעמאלט געהאט פארמירט נאך א מנין פאר פרייטיג צונאכטס, אזוי אויך איז געווען א מנין אין מיידל קעמפ כמעט אלע שבתים במשך דעם זומער.

יעצט נאך זומער ווערט ווייטער אנגעהאלטן דער זעלבער מנין, ביז דערווייל איז עס נאר פאר פרייטיג צונאכטס, יעצט ארבעט מען אויס מען זאל האבן א ספר תורה, אזוי וועט מען דארט אויך קענען דאווענען מנחה און שלש סעודות, שחרית וועט מען בינזדערווייל נישט דאווענען אין דעם שול ווייל עס איז נישט דא דארט א מקוה.

ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ.

# סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**יוסי שניטצלער נ"י וזוגתו נחמה תחי'**

צו די געבורט פון א איינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אין דעם זכות פון לערנען אזוי געטריי מיט אונזערע קינדער א גאנץ יאר, זאלן זיי זעהן אסאך אידיש נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער געזונטערהייט, און קענען אויפציען די קינדער אויף דעם הייליגן רבינ'ס וועג אן קיין שטער.

# ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשוב'ע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן ביי אונז אין שטעטל

**חזקי שארף נ"י וזוגתו רחל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אינעם הייליגן שטעטל, און זיי זאלן קענען אויפציען די קינדער אויף דעם הייליגן רבינ'ס וועג און זעהן פון זיי אסאך אידיש נחת.

# א ברִיוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת נצבים-וילך, י"ח אלול, שנת תש"פ לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר ומשפחתם שיחיו.**

**ברוכים הבאים בשם ה' ברכנוכם מבית ה'!**

איך פריי זיך זייער אויפצונעמען אייער משפחה וואס האט זיך אריינגעצויגן אין קרית ברסלב; איר האט איבערגעלאזט אייער שיינע אייגענע הויז און איר זענט געקומען וואוינען אין א פשוט'ע דירה פאר רענט אבי צו קענען שיקן די קינדער - די אינגלעך און מיידלעך - אין א מוסד וואו מען איז מחנך די קינדער מיט'ן רבינ'ס וועג.

די הייליגע חכמים זאגן (מכילתא, הובא ברש"י), אויפ'ן פסוק (שמות יח, ה): "וַיָּבֹא יִתְרוֹ חֹתֵן מֹשֶׁה וּבָנָיו וְאִשְׁתּוֹ אֶל מֹשֶׁה אֶל הַמִּדְבָּר", יתרו איז געקומען צו משה רבינו אין מדבר; וואס פעלט אויס צו זאגן אז משה רבינו איז געווען אין מדבר? אלע ווייסן מיר וואו משה רבינו איז געווען, "אלא בשבחו של יתרו הכתוב מדבר", דער פסוק וויל אויסלויבן יתרו, "שהיה יושב בכבודו של עולם", ער איז געזעצן אין די שענסטע מכובד'יגסטע פלאץ, "ונדבו לבו לצאת אל המדבר", דאך האט ער אלעס איבערגעלאזט און געקומען אין מדבר, "מקום תהו", א וויסטע פלאץ, "לשמוע דברי תורה", צו לערנען תורה.

אז מען וואוינט אין שטעטל דארף מען זיין א חלק פון **אויפבויען דעם שטעטל**; זאלסטו מיר שרייבן וואס דו גייסט טון צו העלפן בויען דעם שטעטל.

* * *

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש לסדר כי תבוא לאומאן, כ' אלול, שנת תש"ט לפרט קטן

**מרת ... תחי'.**

איך פריי זיך זייער צו הערן אז איר האט איינגעליידנט מרת ... צו אייך אויף ראש השנה; הלוואי זאלן נאך אנדערע זיך לערנען פון אייך צו טון חסד איינער מיט'ן צווייטן, בפרט ראש השנה ווען אלע אנשי שלומינו פארן אוועק קיין אומאן און נישט אלע פרויען האבן וואו צו גיין עסן די סעודות, **דערפאר וואלט געווען א גרויסע זאך ווען מען ליידנט איין די פרויען וואס האבן נישט וואו צו זיין.**

אין דעם זכות זאלט איר זוכה זיין צו מגדל זיין אייערע קינדער גרינגערהייט, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות הכנסת אורחים, סימן ג): "הַכְנָסַת אוֹרְחִים מְזַכָּה אֶת הָאִשָּׁה לְבָנִים", הכנסת אורחים איז מסוגל פאר קינדער; אזוי ווי מיר זעען ביי די פרוי שונמית וואס האט זייער חשוב געהאלטן די מצוה פון הכנסת אורחים (מלכים ב ד, ט-י), דערפאר האט איר אלישע הנביא צוגעזאגט א קינד (שם, שם, טז), און זי האט זוכה געווען צו א קינד - חבקוק הנביא (זוהר הקדוש, פרשת בשלח, דף מד:).

איר האט מיר געשריבן זומער אז איר זענט מתרגם דעם קונטרס "געדולד צו קינדער" אויף ענגליש, איך ווארט צו הערן אויב עס איז שוין פארטיג, כדי מען זאל דאס קענען דרוקן און פארשפרייטן פאר אלע וואס פארשטייען נאר ענגליש.

א כתיבה וחתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר

* * *

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש לסדר כי תבוא לאומאן, כ' אלול, שנת תש"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ליבער ... נרו יאיר.**

יעצט פארן מיר שוין קיין אומאן; **דעם קומענדיגן וואך וועלן מיר זיין אם ירצה ה' ביים הייליגן רבי'ן אין אומאן.** דארט וועלן מיר זיך אויסגיסן אונזער פארוויטאגטע הארץ, דארט וועלן מיר קענען אביסל וויינען; דארט שפירט מען עפעס מער וואו אין אנדערע פלעצער, מען שפירט ווי "ס'איז דא א רבי אויף די וועלט וואס פארשטייט מיר און קען מיר העלפן", דארט וועלן מיר פועל'ן א גוט יאר, א זיס יאר און א געבענטשט יאר.

בפרט דו - טייערער ... - וואס דו העלפסט מיר מיט אזא איבערגעגעבנקייט, אן קיין טענות, אן קיין מענות און אן קיין ערוואַרטונגען וכו' וכו', דו העלפסט מיר פשוט ווייל דו געדענקסט וואס דו האסט באקומען דא ביים רבי'ן אין ישיבה.

איך בעט דיר זייער אויב דו קענסט ממשיך זיין ווייטער צו העלפן דעם קומענדיגן יאר, וועסטו מיר גרינגער מאכן איך זאל קענען ווייטער לערנען מיט די בחורים מיט א רואיגקייט.

**א גוט שבת.**




א) וואס האט זיך דער הייליגער רבי אויסגעדריקט פאר דעם איד וואס האט געמאכט פאר אים דאס בענקל?

ב) ווער איז געווען דער ערשטער חבר פונעם הייליגן רבי'ן נאך די בר מצוה/חתונה?

ג) "דו זארגסטו פרעמדע זארג" וואו זאגט דאס דער הייליגע רבי?

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז הילד אליעזר שלמה שניטצלער נ"י

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161
די גורל וועט פארקומען קומענדיגן דינסטאג אין קרית יואל.

**ענטפערס פון פאריגע וואך**

א) מעדוועדיווקע
ב) תשע"א
ג) רבי אהרן מברסלב און רבי נפתלי מנעמרוב


פאר אלע אייערע פלאמבינג געברויכן רופט דעם עקספערט

**יוסי פריעדמאן הי"ו**

347-831-6209

קליינע אפארטמענט צו דינגען אין שטעטל

פאר א טאג, וואך אדער שבת רופט

אברהם הערש וועבערמאן הי"ו

845-492-0566

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר די איבערגעגעבענע טיטשער

**מיס לייפער תחי'**

צו איר שידוך שליסן בשעה טובה ומוצלחת